# דאס פלאנצן א גארטן זיכער און ריין אין ניו יארק

## ווי אזוי צו פארמינערן דאס ווערן אויסגעשטעלט צו אומריינע ערד



גערטנעריַי איז אן אויסגעצייכנטער וועג צו פארברענגען אינדרויסן, זיין אקטיוו און פלאנצן פרישע פרוכט און גרינצייג. ליידער, קענען גארטן פלעצער אין גרויסע שטעט אנטהאלטן כעמיקאלן אדער אנדערע פראבלעמען אין דער ערד. די אומרייניקייטן קענען זיך געפינען אין דער ערד נאטורליך, אדער דאס קען האבן געקומען פון אקטיוויטעטן אינעם פארגאנגענהייט אזוי ווי פאבריצירונג, בוי-ארבעט און פעסטיסייד באנוץ. ווייסט די געזונטהייט ריזיקעס פון אומריינע ערד און פאלגט אויס די פאלגנדע עצות צו פלאנצן און עסן די פלאנצונגען זיכער.

## אומריינע ערד

באקאנטע כעמיקאלן און אומרייניקייטן אין ניו יארק סיטי'ס ערד, רעכענען אריין פאליסייקליק אראמאטיק הײדראקארבאנס (PAHs), פעסטיסיידס און מעטאלן אזוי ווי בליי און ארסעניק.

### ערד האט העכער אויסזיכטן צו ווערן אומריין אויב עס איז נאענט צו:

- אלטע געביידעס געפארבט מיט בליי פארב*
- פארנומענע וועגן אדער שאסייען
- הויכע באן ליניעס
- בריקן
- לענדפילס*
- גאז סטאנציעס*
- קאר פארריכטונג געשעפטן*
- דריי קלינערס*
- פאוער פלענטס*
- אנדערע מענופעקטשורינג אדער אינדוסטריעל געגנטער*

*סיי עקזיסטירנדע פלעצער און סיי פלעצער וואו עס פלעגט אמאל זיין

## זיין אויסגעשטעלט און געזונטהייט ריזיקעס

איר קענט ווערן אויסגעשטעלט צו כעמיקאלן אדער אומרייניקייטן אין דער ערד דורך:

- עסן עסנווארג וואס איז געוואקסן אין אומריינע ערד.
- אריינלייגן אייערע הענט אין אייער מויל נאכן אנרירן אומריינע ערד אדער ערד-באדעקטע אויבערפלאכן.
- אריינאטעמען די שטויב פון גראבן אין אומריינע ערד.

אומריינע ערד קען ברענגען פארשידענע געזונטהייט ריזיקעס וואס ווענדט זיך אויף די סארט כעמיקאלן אדער אומרייניקייטן אין דער ערד, ווי לאנג מען איז געווען אויסגעשטעלט און ווי געזונט דער מענטש וואס איז אויסגעשטעלט איז. יונגע קינדער זענען אין א גרעסערן געפאר וויבאלד זיי אנטוויקלען זיך נאך, און האבן גרעסערע אויסזיכטן אריינצולייגן זייערע הענט אין מויל און אראפשלינגען ערד.



# עצות פארן פלאנצן א גארטן אויף א זיכערן אופן אין שטאט

- טראגט הענטשוך בשעת'ן ארבעטן.
- נוצט ריינע ערד און קאמפאסט. נעמט אין באטראכט צו טעסטן די ערד אויב איר נוצט עקזיסטירנדע ערד.
- נוצט אויפגעהויבענע גארטן בעטן (ד.מ. שאכטלעך וואס אנטהאלטן ריינע ערד וואס מען בויט אריין העכער עקזיסטירנדע ערד). די שאכטלען זאלן געבויט ווערן מיט אומבאהאנדלטע און אומגעפארבטע האלץ, שטיין אדער צעמענט. לייגט א שיכט סעמיפערמיעבל לענדסקעיפ סחורה העכער די אריגינעלע ערד איידערן צולייגן די ריינע ערד.
- נוצט ערד צודעק (ד.מ. האלץ טשיפס, מאלטש, גראז) אויף אלע שטחים מיט אויסגעשטעלטע שטאטישע ערד (ד.מ. שפיל ערטער, זיץ ערטער, דורכגענג). אן ערד צודעק העלפט פארמינערן דאס ווערן אויסגעשטעלט צו דער ערד אונטער דעם.



- אין הארבסט אדער פרילינג, לייגט צו קאמפאסט צום אויבערשטן שיכט פון יעדן אויפגעהויבענע גארטן בעט און שפרייט אויס נייע ערד צודעק אויף ערטער מיט אפענע ערד אויב נויטיג.
- קאנטראלירט פעסטס אויף א זיכערן אופן. אויב איר נוצט פעסטיסיידס, נוצט נאר אזעלכע וואס זענען באשטעטיגט געווארן פארן פלאנצונג אויף וואס איר נוצט דאס. לייגט די פעסטיסייד דורך פארזיכטיג אויספאלגן אלע אנווייזונגען אויפן לעיבל.
- נאכן ארבעטן אין גארטן
  - וואשט אייערע הענט מיט זייף און וואסער, און קינדער וואס שפילן אדער ארבעטן אינעם גארטן זאלן טון דאס זעלבע.
  - וואשט די ארבעטס געצייג.
  - טוישט אייער קליידער און טוט אויס אייערע שיך איידערן אריינקומען אינדערהיים.
  - וואשט גוט אפ פרוכט און גרינצייג. איר קענט אויך אפשיילן ווארצל און טובער גרינצייג (צ.ב. קארטאפל, מייערן, צוויבל) איידערן עסן.



## ריסאורסעס

פאר נאך אינפארמאציע, רופט **311** אדער באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט **"urban gardening"** (אורבען גארדענינג).



**באארבעטן שטאטישע ערד:**

- NYC Parks GreenThumb (NYC פארקס GreenThumb): **nyc.gov/parks/greenthumb**
- NYC Urban Agriculture (NYC אורבען אגריקולטור): **nyc.gov/agriculture**
- Cornell University's Healthy Soils, Healthy Communities (קארנעל אוניווערזיטעט'ס געזונטע ערד, געזונטע קאמיוניטיס): באזוכט **cornell.edu** און זוכט **healthy soils** (געזונטע ערד).
- National Pesticide Information Center (נאציאנאלע פעסטיסייד אינפארמאציע צענטער): באזוכט **npic.orst.edu** און זוכט **soil and pesticides** (ערד און פעסטיסיידס).

**אומזיסטע ערד און האלץ פאר אויפגעהויבענע בעטן (בלויז GreenThumb קאמיוניטי גערטנער):**

- NYC Parks GreenThumb (NYC פארקס GreenThumb): באזוכט **nyc.gov/parks/greenthumb** און זוכט **lumber request** (לאמבער פארלאנג).
- PUREsoil NYC (ריינע ערד NYC): באזוכט **nyc.gov/oer** און זוכט **pure soil** (ריינע ערד).
- NYC Compost Project (NYC קאמפאסט פראיעקט): באזוכט **nyc.gov/dsny** און זוכט **community composting** (קאמיוניטי קאמפאסטינג).

**Soil testing (טעסטן די ערד):**

- Urban Soils Lab at Brooklyn College (אורבען סוילס לעב ביי ברוקלין קאלעדזש): באזוכט **brooklyn.cuny.edu** און זוכט **urban soils** (שטאטישע ערד).
- Cornell University's Healthy Soils, Healthy Communities (קארנעל אוניווערזיטעט'ס געזונטע ערד, געזונטע קאמיוניטיס): באזוכט **cornell.edu** און זוכט **healthy soils** (געזונטע ערד).
- NYC Urban Soils Institute (NYC שטאטישע ערד אינסטיטוט): **usi.nyc**